**גוט שבת אלע אידן.** עטליכע יארן צוריק איז געקומען צום ליובאוויטשער רבי אויף שבת א איד וואס הייסט ר' דוד אסולין (זיין עכטע נאמען). ר' דוד, וואס וואוינט אין פראנקרייך, איז א ספרדישער איד וואס איז געבוירען געווארן אין מורוקו. אפילו אז ר' דוד איז נישט געווען קיין ליובאוויטשער, האט מען אים געזאגט, אז אויף זיין באזוך קיין אמעריקע מוז ער זען דעם ליובאוויטשער רבי'ן.

בקיצור, יענע שבת איז ר' דוד געווען אין "770" שבת נאכמיטאג. דארט האט ער געהערט ווי דער ליובאוויטשער רבי זצ"ל האט גערעדט פאר בערך צווי שעה אויף אידיש. אפילו אז ר' דוד האט נישט פארשטאנען קייןווארט אידיש, איז ער נאכאלץ נתפעל געווארן צו זיין דארט צווישן הונדערטע חסידים.

ווען דער רבי האט געענדיגט רעדן, איז א חלק פונעם עולם געגאנגען שטייען אין שורות. ר' דוד האט געזען ווי דער רבי האט געטיילט פלעשלעך בראנפען פארן עולם אין די שורה. וואס ר' דוד האט נישט געוואוסט איז אז באמת האט נאר די בעלי שמחה געהאט דעם רעכט צו באקומען א פלאש פונעם רבי'ן. ער האט געמיינט אז אלס גאסט, האט ער געהאט א רעכט צו נעמען. די סדרנים האבן אים נישט געטשעפעט ווען ער איז געגאנגען שטייען מיט די בעלי שמחה. סוף כל סוף איז ער אנגעקומען צום רבי'ן.

ווער ער איז געשטאנען פנים אל פנים צום רבי'ן, האט דער רבי געשמייכלט צו אים און ער האט געזאגט צו ר' דוד אויף פראנצויזיש "דאס איז פאר די חתונה!" ר' דוד איז איבערראשט געווארן! ווי אזוי האט דער ליובאוויטשער רבי געוואוסט אז ר' דוד האט גערעדט פראנצויזיש. ר' דוד האט קיינמאל נישט אין זיין לעבן גערעדט מיט'ן רבי'ן. אפילו אז ר' דוד איז נתפעל געווארן פונעם רבי'ן'ס מבינות וועגן זיין שפראך, האט ער אביסל געלאכט צו זיך וועגן דעם רבי'ן'ס ווערטער וועגן א חתונה. ווייל ר' דוד האט ב"ה חתונה געהאט אסאך יארן פריער. "נו... דער רבי איז זיכער א צדיק... אבער רוח הקודש?" האט ר' דוד געטראכט, "אפשר נישט."

נאך שבת איז ר' דוד אהיימגעפארן קיין פראנקרייך. ער האט געוויזן דעם פלאש בראנפען פאר דעם שטאטישע ליובאוויטשער "שליח" – ר' חיים מאלול אין שטאט קארטעל. ר' דוד האט אויך דערציילט דעם מעשה ווי אזוי ער האט באקומען דעם בראנפען, און וואס דער רבי האט געזאגט צו אים בשעת מעשה וועגן די חתונה. דער שליח האט נישט מסכים געווען אז דער רבי האט געמאכט א טעות מיט זיין ווערטער וועגן דער חתונה. דער שליח האט געזאגט אז ר' דוד וועט איין טאג זען וואס דער רבי האט געמיינט.

אפאר חדשים שפעטער האט ר' דוד זיך דערמאנט וועגן דעם בראנפען. עס איז איינגעפאלן ביי אים א גוטע עצה ווי אזוי אלע פון זיינע חברים וועלן קענען האבן הנאה פונעם משקה. ער האט צוזאמען גערופן אלע זיינע ידידים און קרובי משפחה צו א מסיבה. און דארט וועלן זיי אלע קענען טועם זיין פונעם פלאש פונעם רבי'ן. ר' דוד איז ב"ה א בעל פרנסה, וועגן דעם האט ער געדינגען א זאל אין א שול אין דעם שטאט "ראנסי" לעבן פאריס, און ער האט אויך באשטעלט א קעטערער מיט מוסיק, וכו'. אלעס איז געווען לכבוד דעם פלאש בראנפען פונעם ליובאוויטשער רבי'ן!

בקיצור, עס איז געקומען דעם טאג פונעם מסיבה און אסאך חברים און משפחה זענען טאקע געקומען דארט צום זאל, ווייל זיי האבן שטארק געוואלט האבן א שייכות מיט דעם ליובאוויטשער רבי'ן וואס איז זייער באקאנט געווען דעמאלט אין פראנקרייך. אין מיט'ן דעם סעודה איז אריבערגעקומען צו ר' דוד דער רב פון יענעם שול. דער רב האט געזאגט צו ר' דוד אז ער זוכט א מנין. ר' דוד האט גלייך אויסגערופן צום עולם אז דער רב דארף א מנין. ר' דוד מיט א מנין מענטשן זענען גלייך אויפגעשטאנען און זיי זענען אריבערגעגאנגען צום שטובל צו מאכן דעם מנין מיט'ן רב.

ווען דער מנין פון דער מסיבה אידן איז אריינגעגאנגען צום שטובל, זענען זיי נשתומם געווארן צו זען אז דער רב האט נישט געזוכט א מנין צו מנחה, נאר וואס? עס איז געווען דארט אנגעגרייט א חופה און עס זענען געשטאנען דארט אפילו א חתן און כלה! אבער קיין שושבינים און קיין געסט זענען נישט געווען! נו, זיי האבן געמאכט די חופה און זיי האבן אנגעוואונטשן "מזל טוב." דאן האט ר' דוד געפרעגט דעם חתן וואו די חתונה סעודה וועט זיין. ווען דער חתן האט געזאגט אז זיי זענען געווען ארום ל"ע און זיי האבן גארנישט אנגעגרייט, האט ר' דוד געוואוסט וואס צו טון... ער האט גלייך איינגעלאדענט דעם חתן כלה צו קומען צו זיין מסיבה צו פרייען זיך צוזאמען, און צו מאכן דארט דער חתונה סעודה!

עס איז געווען א ריכטיגע שמחה. זיי האבן געטאנצט און געגעסן און געטרונקען פונעם פלאש בראנפען. אין מיט'ן אלעס האט ר' דוד שטיל געמאכט דעם שפילער און ער האט דערציילט דעם מעשה וועגן דעם ליובאוויטשער רבי'ן מיט דעם בראנפען. ווען דער חתן האט געהערט דעם מעשה איז ער מורא'דיג איבערגענומען געווארן. מיט טרערן אין זיין אויגען איז ער אויפגעשטאנען און ער האט געבעטן צו דערציילן זיין מעשה.

דער כלה איז געווען א בעלת תשובה און אירע משפחה איז געווארן ברוגז אויף איר און זיי האבן גארנישט געהאלפן פאר די חתונה. און ער אליינס איז געווען א גר וואס האט נישט געהאט קיין משפחה. וועגן דעם איז קיינער נישט געקומען צו דער חתונה און קיינער האט זיי נישט געהאלפן... ביז זיי האבן געטראפן ר' דוד. דער כלה האט געזאגט אז זי האט געשיקט אפאר וואכן פריער א בריוו צום ליובאוויטשער רבי'ן בעטענדיג א ברכה פאר די חתונה און יעצט האט זי געזען די ברכה!

עס זענען אסאך מוסר השכל'ס וואס מען קען ארויסלערנען פון דעם מעשה. לאמיר אבער רעדן פון איין פרט פונעם מעשה וואס האט א שייכות צו דער פרשה. שטייט אין פסוק "את הנפש אשר עשו בחרן וכו'" זאגט דער מדרש "כל המכניס בריה אחת לתוך כנפי השכינה מעלין עליו כאלו הוא בראו ויצרו וכו'" איינער וואס איז מקרב א איד צום אידישקייט, איז עס באטראכט אזוי ווי יענער האט ממש געבוירן דעם בעל-תשובה (אדער גר)! (מדרש רבה שיר השירים פרשה א, סימן כב) פון דא זעט מען אז אברהם אבינו ע"ה און שרה אמנו ע"ה זענען געווען פון די ערשטע צו זיין עוסק אין קירוב רחוקים. מעשה אבות סימן לבנים.

נישט יעדער איינער קען איינעמען א פרייער איד אדער א בעל תשובה אין דער היים. אבער יעדער איינער קען זאגן א גוט ווארט צו אזעלכע מיני מענטשן. דורך געבן א גוטע געפיל צו די חברה, אפילו מיט נאר זאגן "שלום עליכם," איז מען זוכה צו האבן א חלק אין יענעם'ס מצוות און מעשים טובים פאר דורי דורות! **גוט שבת אלע אידן.**